# דער זון

.1

די שיף פון ישראל האָט געזאָלט אָנקומען צוועלף אַזייגער באַטאָג, אָבער זי האָט זיך געהאַט פאַרשפעטיקט. זי האָט געלאַנדט אין ניו־יאָרק האַפן אין אָוונט, און ערשט דעמאָלט האָב איך געמוזט וואַרטן אַ צייט ביז מ׳וועט אַראָפלאָזן די פּאַסאַזשירן. דער דרויסן איז געווען הייס און רעגנדיק. אַ המון מענטשן איז געקומען אָפּוואַרטן די שיף. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק איז דאָ דערבײַ: אַסימילירטע ייִדן, און רבנים מיט לאַנגע בערד און פּיאות; מיידלעך מיט נומערן אויף די אָרעמס פון היטלערס לאַגערן און באַאַמטע פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט געפּאַקטע פּאָרטפעלן; ישיבה־בחורים אין סאַמעטענע קאַפּעלאַטשן און מיט ווילד־צעוואַקסענע בערדלעך, און וועלטלעכע דאַמען מיט געררוזשטע פּנים׳ער און רויטע נעגל אויף די פינגער פון די פיס. כ׳האָב מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז כ׳וואוין־ביי אַ נייעם אָפּשניט אין דער ייִדישער געשיכטע. ווען האָבן ייִדן געהאַט שיפן? און אויב יאָ, זענען זיי געשוואומען קיין צור און צידון, נישט קיין ניו־יאָרק. אויב אָפילו ניטשעס משוגענע טעאָריע וועגן דער אייביקער איבערחזרונג איז ריכטיק, וואָלט געדאַרפט דויערן קוואַדריליאָנען און קוואַנטיליאָנען עפּאָכן אַז אַ קליינע טייל דערפון וואָס קומט איצט פאָר זאָל האָבן צושטאַנד־געקומען פריער. נו, אָבער ס׳איז אַלץ פונדעסטוועגן לאַנגווייליק און איבערדריסיק. כ׳האָב אָפּגעמאָסטן יעדן איינעם פון דעם עולם און זיך יעדעס מאָל געפרעגט דאָס אייגענע: מיט וואָס איז ער מיין ברודער? מיט וואָס איז זי מיין שוועסטער? די ניו־יאָרקער ווייבער האָבן זיך געפּאָכעט, גערעדט אַלע אויף אַמאָל מיט הייזעריקע שטימען, זיך געקוויקט מיט שאָקאָלאַד און קאָקאַ־קאָלאַ. אַ נישט־ייִדישע תקיפות האָט אַרויסגעבויערט פון זייערע בליקן. ס׳איז שווער געווען צוצוגלויבן אַז זייערע לייבלעכע ברידער און שוועסטער אין אייראָפּע זענען מיט אַ פּאָר יאָר פריער געגאַנגען צו דער שחיטה ווי שאָף. מאָדערנע אָרטאָדאָקסישע יונגעלייטלעך מיט פּיצעלעך קאַפּעלעך, ווי פּלאַסטערס פאַרבאָרגן צווישן די געדיכטע שעוועליורן, האָבן גערעדט הויך אויף ענגליש, פּיפּיק זיך געוויצלט מיט די מיידלעך וואָס זייער אויסזען און הלבשה האָט

נישט געוויזן קיין שום צייכן פון רעליגיע. אפילו די רבנים זענען דאָ אַנדערש ווי מיין טאַטע און זיידע. זיי האָבן אויסגעקוקט וועלטלעך־קלוג און אַמעריקאַניש געניט. כמעט אַלע, חוץ מיר, האָבן זיך געהאַט באַזאָרגט מיט דערלויבענישן אַרויפצוגיין אויף דער שיף. זיי האָבן משונה־גיך געשלאָסן קאָנטשאַפט, זיך געטיילט מיט אינפאָרמאַציע, ווייסנדיק געשאָקלט מיט די קעפּ. פון דער שיף האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען אָפיצירן פון דער מאַנשאַפט, די גלות׳דיקע היימישקייט פאַרבאָרגן הינטער אוניפאָרמען, שליפעס, באַ־גילדטע קנעפּ. זיי האָבן גערעדט דאָס העבראיש מיט גויאישע טענער.

איך בין גשטאַנען און געוואַרט אויף אַ זון וואָס איך האָב אים שוין נישט געזען צוואַנציק יאָר. ער איז אַלט געווען פינף יאָר ווען כ׳האָב מיך געשיידט מיט זיין מוטער. איך בין געפאָרן קיין אַמעריקע, זי — קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. אָבער איין רעוואָלוציע איז אַפּנים, געווען פאַר איר ווייניק. זי האָט פאַרלאַנגט אַ „פערמאַנענטע רעוואָלוציע" און מ׳וואָלט זי דאָרט, אין מאָסקווע, געווען ליקווידירט ווען זי וואָלט נישט געהאַט קיין צד אין די הויכע פענצטער. די מומעס אירע וואָס זענען אויסגעזעסן אַלע פוילישע תפיסות פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט, האָבן זיך געמיט פאַר איר און מ׳האָט זי צוזאַמען מיטן קינד דעפּאָרטירט קיין טערקיי. פון דאָרט האָט זי זיך דערשלעפּט קיין פּאַלעסטינע און אויפגעצויגן דעם זון אין אַ קיבוץ. איצט איז ער געקומען צו מיר צו־גאַסט.

ער האָט מיר געהאַט געשיקט אַ פאָטאָגראַפיע פון דער צייט ווען ער האָט געדינט אין מיליטער און זיך געשלאָגן מיט די אַראַבער, אָבער זי איז נישט קיין קלאָרע. דערצו איז ער דאָרט אָנגעטאָן זעלנעריש. ערשט איצט, אַז די ערשטע פּאַסאַזשירן האָבן זיך גענומען ווייזן, איז מיר אויפגעפאַלן אַז כ׳האָב נישט קיין געניטעם באַגריף ווי מיין זון זעט־אויס. איז ער הויך? איז ער נידריק? זענען אים די בלאָנדע האָר געוואָרן טונקל מיט די יאָרן? דאָס אָנקומען פון דעם דאָזיקן זון קיין אַמעריקע האָט מיך צוריקגעשלעפּט צו אַ תקופה וואָס האָט שוין געהערט צו דער אייביקייט. ער האָט אויפגע־טויכט פון דעם אַמאָל ווי אַ חלום אָדער אַ פאַנטאָם. נישט ער האָט אַריינ־געפּאַסט אין מיין איצטיקער היים און נישט אין מיינע פאַרהעלטענישן אויסער דער היים. כ׳האָב נישט געהאַט פאַר אים נישט קיין צימער, נישט קיין גע־לעגער, נישט קיין געלט, נישט קיין צייט. ווי די דאָזיקע יידישע שיף מיט דער וויס־בלויער פאָן און דעם מגן־דוד, האָט ער מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אויסטערלישע קאָמבינאַציע פון דעם געוועזענעם און דעם היינט. ער האָט מיר געהאַט געשריבן אַז פון אַלע שפּראַכן וואָס ער האָט געפּלאַפּלט אין די קינדער־יאָרן — יידיש, פּויליש, רוסיש, טערקיש — קאָן ער בלויז העבראיש. כ׳האָב געוווסט פאַראויס אַז מיט דעם ביסל לשון־קודש וואָס איך קאָן פון חומש און פון דער גמרא, וועל איך זיך נישט קאָנען מיט אים

פֿאַנאַדערשמועסן. אָנשטאָט צו רעדן צו מײַן זון, וועל איך דאַרפֿן שטאַמלען, נישטערן אין ווערטער־ביכער . . .

דאָס געדראַנג און דער רויש איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. אַלע האָבן געטומלט, געשריגן, זיך געשטופּט מיט דער גוזמא׳דיקער פֿרייד פֿון יענע וואָס האָבן פֿאַרלוירן די מאָס פֿאַר וועלטלעכע דערגרייכונגען. ווײַבער האָבן געהוילט מיט היסטערישע קולות. מאַנסלײַט זענען זיך פֿאַרגאַנגען מיט הייזעריקע שטימען. פֿאָטאָגראַפֿיסטן האָבן פֿאָטאָגראַפֿירט. רעפּאָרטערן האָבן גענומען אײַליקע אינטערוויוען. ס׳איז געשען מיט מיר ס׳אײגענע וואָס טרעפֿט אַלעמאָל ווען כ׳קום צווישן מענטשן: אַלע איבעריקע ווערן אײַן געזינדל און איך בלײַב אַ דרויסנדיקער. קיינער האָט צו מיר נישט גערעדט און איך האָב זיך צו קיינעם נישט געווענדט. דער סודות׳דיקער כּוח וואָס האָט זיי אַלע צונויפֿגעהאַפּטן, האָט מיך פֿון זיי אָפּגעשיידט. אויגן האָבן מיך אַ מעסט געטאָן פֿאַרווירט און ווי געפֿרעגט שטומערהייט: וואָס טוט ער דאָ? כ׳האָב נאָך אַ צעגערניש געפּרוווט עפּעס פֿרעגן בײַ עמיצן, אָבער יענער האָט מיך, ווײַזט אויס, נישט געהערט ווײַל ער האָט אַ צעיאַכמעטער אַוועקגעשפּאַנט אין מיטן. כ׳האָב פּונקט אַזוי געקאָנט זײַן אַ גײַסט. נאָך אַ ווײַל האָב איך באַשלאָסן דאָס וואָס כ׳באַשליס אַלעמאָל אין אַזעלכע פֿאַלן: צו מאַכן שלום מיטן גורל. כ׳בין געשטאַנען אין אַ ווינקל און געזען אַלעמען אַרויסקומען. כ׳האָב דורכגעפֿירט אין געדאַנק אַ סאָרט סעלעקציע. צווישן די אַלטע און די מיטליעריקע איז מײַן זון זיכער נישט פֿאַראַן. עמיץ מיט פֿעד־שוואַרצע האָר, ברייטע פּלייצעס, פֿײַערדיקע אויגן — קאָן אויך נישט שטאַמען פֿון מײַנע לענדן. אָבער אָט האָט אויפֿגעטויכט אַ בחור מאָדנע ענדלעך צו יענעם סאָלדאַט פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע: הויך, מאָגער, אַביסל געבויגן, מיט אַ לענגלעכער נאָז און אַ שמאָלן קין. דאָס איז ער! — האָט עפּעס אין מיר אַ געשריי געטאָן. כ׳האָב זיך געטאָן אַ ריס צו אים צוצולויפֿן. ער האָט עמיצן געזוכט. אַ טאָטישע ליבשאַפֿט האָט זיך אומגעריכט אויפֿגעוועקט אין מיר. די באַקן זײַנע זענען געווען אײַנגעפֿאַלן. אַ קרענקלעכע בלאַסקייט איז געלעגן אויף זײַן פּרצוף. ער איז שלאַף! ער האָט די שווינדזוכט! — האָט עפּעס אין מיר גערופֿן. כ׳האָב שוין געעפֿנט דאָס מויל אַ רוף צו טאָן גיגי (אַזוי האָט מען מײַן ייִנגל גערופֿן קליינערהייט), ווי ס׳האָט זיך צוגעקײַקלט צו אים אַ דיקע דאַמע און אים אײַנגעקלאַמערט אין די אָרעמס. איר געוויין איז אַריבער אין אַ בילעריי. באַלד איז אָנגעלאָפֿן אַ גאַנצע כאַפּטע קרובֿים. מ׳האָט מיר געהאַט אויסגעכאַפּט אַ זון וואָס איז נישט מײַנער. ס׳איז געווען דערין אַ סאָרט גײַסטיקע קידנעפּינג. די פֿאָטערלעכע געפֿילן מײַנע האָבן זיך פֿאַרשעמט און אין אײַלעניש אָפּגעטראָטן אויף צוריק אין יענעם באַהעלטעניש וואו געפֿילן קאָנען אָפּליגן יאָרן און נישט טאָן קיין פּיפּס. מיר האָט זיך געדוכט אַז כ׳בין רויט פֿון חרפּה פֿאַר

געבליצט, אָבער נישט געדונערט. איינציקע טראָפּנס זענען געפאַלן פון דער הויך און ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי איז דאָס שפּריי פון פריער־דיקן רעגן, אָדער שפּריצן פון אַ נייעם. ס׳האָט מיר עפּעס נישט געפּאַסט וואָס ניו־יאָרק אַנטפּלעקט זיך צו מיין זון באַלד פון אָנהויב אַזוי חושכ׳דיק און אָפּגעכוימלט; כ׳האָב געהאַט די אייטעלע אַמביציע אים צו ווייזן וואָס גיכער די שענערע פּערטלען פון דער שטאָט; אָבער מיר האָבן אָפּגעוואַרט פופצן מינוט און קיין טאַקסי האָט זיך נישט באַוויזן. ס׳האָט זיך שוין דערהערט דער ערשטער דונער. ס׳איז נישט געבליבן קיין אַנדערע עצה ווי זיך צו לאָזן גיין צופוס.

מיר האָבן ביידע גערעדט אין דעם אייגענעם נוסח: קורץ, שאַרף, מיר האָבן זיך נישט געניטיקט אין קיין לאַנגע רייד, — ווי אַלטע חברים וואָס קאָנען איינער דעם אַנדערנס מחשבות. ער האָט מיר ווי געזאָגט אַן ווערטער: כ׳פאַרשטיי אַז דו האָסט נישט געקאָנט הויזן מיט מיין מוטער. כ׳האָב נישט צו דיר קיין תרעומת. כ׳בין אַליין אויך געקנעטן פון דיין טייג... איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַראַ סאָרט איז דאָס מיידל וואָס וועגן איר האָסטו מיר געשריבן?

— אַ וואויל מיידל. איך בין געווען איר מדריך אין קיבוץ. זי איז שפּעטער אַוועק מיט מיר אין מיליטער.

— וואָס טוט זי אין קיבוץ?

— אין שטאַל.

— זי האָט כאָטש שטודירט?

— מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אין גימנאַזיע.

— ווען וועט איר חתונה האָבן?

— אַז כ׳וועל צוריקקומען. די עלטערן פאַרלאַנגען מיר זאָלן שטעלן אַ חופּה...

ער האָט עס געזאָגט אויף אַ שטייגער וואָס האָט געהייסן: אַוודאי, מיר ביידע נויטיקן זיך נישט אין אַזוינע צערמאָניעס, אָבער עלטערן פון טעכטער האָבן אַן אַנדערע לאָגיק...

כ׳האָב צוגערופן אַ טאַקסי און ער האָט האַלב פּראָטעסטירט: צו וואָס אַ טאַקסי? מיר וואָלטן געקאָנט גיין צופוס... איך קאָן שפּאַנען מיילן... כ׳האָב געהייסן דעם טרייבער פאָרן איבער דער צוויי־און־פערציקסטער גאַס, איבער דעם באַלויכטענעם טייל פון בראָדוויי און דערנאָך זיך פאַרקערן אויף דער פינפטער עוועניו. גיגי איז געזעסן און אַרויסגעקוקט דורך דער שויב. כ׳האָב קיינמאָל נישט אַזוי שטאָלצירט מיט די וואָלקנקראַצערס און די ליכטער פון בראָדוויי ווי יענעם אָוונט. ער האָט געקוקט און געשוויגן. כ׳האָב ערגעץ־ווו באַנומען אַז ער טראַכט איצט פון דער מלחמה מיט די